ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
◇ תת"פ ◇
פרשת פקודי - החודש
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' שצו) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' דוד פערל שליט"א** מגי"ש בקהילתנו הק'

## <u>אשת חיל מי ימצא</u>

אין די טעג געפאלט אויס די יארצייט טאג פון אונזער חשוב'ע באבע הצדקנית מרת פערל ע"ה, אשת חבר אונזער עלטער-זיידע הרב החסיד **רבי יעקב פינחס פעלדמאן** ז"ל מחשובי ק"ק תולדות אהרן.

זי איז געווען א בת יחידה צו אירע עלטערן אין די שטאט חוסט. ווען זי איז אלט געווען 14 יאר איז איר מאמע נפטר געווארן ל"ע, און זי איז געבליבן א יתומה.

במשך די פריערדיגע יארן אלס קליין מיידל ווען איר מאמע איז ל"ע נישט געזונט געווען אויף די לונגען, האט זי זיך אסאך געדרייט אין שטוב פונעם מרא דאתרא **הגה"ק רבי יוסף צבי דושינסקיא זלה"ה**, און זי האט ארויסגעהאלפן די רביצין ע"ה מיט די שטוב ווירטשאפט. אזוי אז זי האט קונה געווען אסאך השקפה און יראת שמים אין די הייליגע שטוב.

שפעטער ביי די צווייטע וועלט מלחמה איז זי פארשלעפט געווארן אין די לאגערן, זי איז געווען אין אוישוויץ, און זי האט מיטגעמאכט די אלע ביטערע מיטמאכענישן בשנות הזעם, ביז ווען זי האט מצליח געווען אנצוקומען קיין ארץ ישראל, און זי איז אנגעקומען צו א טמא'נע קיבוץ, וואו די ציונים האבן פרובירט צו מסדר זיין די אנגעקומענע פליטים מיידלעך, און זיי מסדר זיין לויט זייערע טמא'נע צילן, וואס גאר ווייניג זענען ארויסגעקומען פון דארט אלס ערליכע אידישע מאמעס.

די באבע איז דארט בייגעשטאנען גאר שווערע נסיונות, און זי איז ניצול געווארן מיט ניסי ניסים דורך די צדיקת מרת פיגא טורנהיים ע"ה, וואס האט איר אריינגענומען אין שטוב און זיך אפגעגעבן מיט איר. (ווי שוין געשריבן באריכות אינעם גליון פרשת יתרו אות ד' שנג).

ב. עס איז געווען אין ירושלים א אשה צדקנית רעכל אייזנבאך ע"ה, אשת הרה"צ הישיש רבי **וועלוול אייזנבאך** ז"ל, וואס האט געהאט עטליכע חשוב'ע טעכטער (די פרויען פון הרה"ח ר' חנינא שיף ע"ה משב"ק אדמו"ר גור, הרה"ח ר' אשר יאקאב ז"ל ועוד), און די באבע ע"ה האט זיך געדרייט ביי זיי אין שטוב. און די צוויי פרויען האבן געקלערט איבער איר תכלית בעניני שידוכים, בזמן ווען עס איז נישט געווען קיין צווייטער ווער עס זאל זיך זארגן פאר איר.

איין נאכט האט זי געהאט א חלום אז איר מאמע ע"ה קומט צו איר - זי האט איר געזעהן געווי ווי זי האט איר געדענקט ביים לעבן, און זאגט איר "זעהסט דעם בחור, דאס איז דיין זיווג"...

זי האט זיך אויפגעוועקט אינגאנצן איבערגענומען, עס איז איר געשטאנען פאר די אויגן די צורה פון איר טייערע מאמע, ווייזענדיג אויף א בחור וואס זי האט געדענקט זיין אויסזען.

ממש דעמאלטס האט מען איר פארגעשלאגן דעם בחור 'יעקב פנחס פעלדמאן', ווען זי האט אים געזעהן דאס ערשטע מאל איז זי כמעט געפאלן חלשות זעהנדיג דעם זעלבן בחור וואס די מאמע האט אים געוויזן אין חלום. ווי פארשטענדליך איז דער שידוך געווארן בשטומ"צ. און א צייט שפעטער איז געווען די חתונה למזל טוב.

היות זי איז געווען א קיילעכיגע יתומה, זי האט גארנישט געהאט פון אמאל, אויסער צוויי מיידלעך חבר'טעס פון חוסט - וואס זענען נתגדל געווארן אין שטוב פון הרב החסיד ר' **יוסף דאווידאוויטש** ז"ל מנהל מוסדות מהרי"צ דושינסקיא ז"ל - היות יענע חבר'טעס זענען געגאנגען נאך די חתונה מיט שייטלעך, האט זי אויך געהאט חשק צו גיין ווי זיי, ממילא איז איר נישט געווען באקוועם צו גיין מיט א טיכל און שווארצע זאקן, לויט ווי עס איז געווען די תקנות פון די חברי' קדושה פון '**שומרי אמונים**'. אבער די צדיקת רביצין טורנהיים ע"ה האט איר שטארק צוגערעדט צו גיין מיטן פולן ירושלים'ער לבוש, און מיט א גאנצן טיכל.

**הרה"ק רבי אהרן ראטה ז"ל** (היארצייט ו' ניסן) דער שומרי אמונים רבי, האט איר צוגעזאגט אז אויב וועט זי גיין מיט שווארצע זאקן, וועט ער איר קויפן א 'ניי-מאשין' – וואס איז געווען א גאר טייערע מתנה אין יענע צייט - האט זי דעמאלטס אנגעטון אויך די שווארצע זאקן. זי האט טאקע באקומען די ניי-מאשין פונעם שומרי אמונים רבי'ן ז"ל, וואס זי האט ערליך גענוצט און דאס האט גע ארבעט 'איבער 50 יאר'... מ'האט דאס קיינמאל נישט געדארפט טראגן צו פאררעכטן.

דאס איז געווען ווי א לעבעדיגע עדות אין שטוב וואס אירע קינדער, אייניקלעך, האבן געקענט, כל זמן זי איז געווען ביי די כוחות האט זי געארבעט דערויף אן קיין שום פראבלעמען.

זי איז בעצם געווען א אשה צדקנית, פול מיט ערליכקייט, יראת שמים, צדקות און תמימות.

זכתה וראתה עולמה בחייה, נאך איר פטירה האבן איר באגלייט פולע הונדערטער אייניקלעך בליעה"ר, וואס אלע גייען מיטן גאנצן ירושלים'ער לבוש, די מענער, און די נשים אלע מיט טיכלעך און שווארצע זאקן, וואס פולן אן די שורות אין די קהילות קדושות תולדות אהרן, תולדות אברהם יצחק, אזוי אויך צענדליגער אייניקלעך אין ניו יארק, וואס שטעלן פאר אן ארמיי פון אריבער טויזענט אידישע קינדערלעך א דאנק איר מסירות נפש אין יענע שווערע יארן. (לעילו נשמת האה"ח מרת פערל ב"ר דוד חיים ע"ה, היארצייט כ"ג אדר).

ז' שצז) עס דערציילט אונז
**הרה"ח ר' משה שימאנאוויטש הי"ו**

## <u>הדרכות פארן ספרים געשעפט</u>

איבער די מעשה וואס איז געווען געדרוקט אינעם גליון (תתע"ה אות שס"ד) וויל איך איבערגעבן דברים כהווייתן פון די ערשטע האנט, וואס בדידן הוי עובדא.

מיין טאטע הרה"ח ר' מרדכי ז"ל האט אפגעקויפט א ספרים געשעפט אין בארא פארק ווינטער תשכ"ח.

מיינע עלטערן, מיט מיר אינאיינעם, זענען אריינגעגאנגען צום רבי'ן מרן **רביה"ק הדברי יואל** ז"ל נעמען ברכת קדשו צום איבערנעמען דאס געשעפט. און מיין טאטע האט געפרעגט פונעם רבי'ן דברי הדרכה ווי אזוי ער זאל זיך פירן מיטן נייעם געשעפט.

האט דער רבי אנגעזאגט דריי זאכן:

איינס, מ'זאל אכטונג געבן וועלכע ספרים מ'ברענגט אריין אין געשעפט.

צווייטנס, מ'זאל זיך אזוי מסדר זיין דעם סדר היום צו דאווענען מנחה גדולה, ווייל דער יצר הרע שיקט אריין די בעסטע קונים ביי סוף זמן מנחה, כדי צו פארשלעפן די צייט אז מ'זאל נישט דאווענען תפילת מנחה.

דריטנס, אויב איז מען אפגעהיטן נישט פארקויפן ספרים אסורים, איז מען זוכה צו זיין נזהר אין שמירת שבת קודש.

מיט די יארן האב איך זוכה געווען צו פארשטיין עומק כוונתו הק', ווייל דער געשעפט פלעגט בעפאר אויך פארקויפן צייטונגען, צווישן די איז געווען ציוני'סטישע צייטונגען וואס זענען געווען פול מיט מינות ואפיקורסות. שפעטער זענען מיר געוואויר געווארן אז די צייטונגען פלעגן אנקומען קיין אמעריקע בעצם יום השבת מיטן ציוני'סטישן אל-על פליגער. און מיט דעם וואס מיר האבן דאס נישט פארקויפט האבן מיר נישט געהאט קיין שייכות מיטן חילול שבת.

ז' שצח) תלמידים דערציילן איבער אונזער זיידע
**הגה"צ ר' שמואל דוד טויב ז"ל הכ"מ** אב"ד בריד

## <u>אונזער אומפארגעסליכער מגיד שיעור...</u>

עס קומט אויף אומפארגעסליכע זכרונות פון די תקופה אין 'מחנה רב טוב' בצילו פון מו"ר **הגה"צ רבי שמואל דוד טויב זלה"ה**.

א. מידי שבוע בשבוע ביי שלש סעודות פלעגט ער פארלערנען ברבים די הקדמה פון ספה"ק 'על הגאולה ועל התמורה'. עס ליגט איינגעקריצט בעומק הלב די הארציגע שטימע פון רבי שמואל דוד זצ"ל, ווי מנהמת לבו האט ער זיך צושריגן ביי געוויסע אויסצוגן, דארט וואו ער האט געשפירט אז ביי די ווערטער האט מרן רבינו געטריפט מער בלוט פון זיין הייליגן פעדער...

ב. די בחורים פלעגן שמועסן אז ער איז זיך מסגף, און ער איז כסדר יושב בתענית. מען האט אים קיינמאל נישט געזען עסן. ער פלעגט ארויפקומען אין ביהמ"ד אינדערפרי, און ער האט זיך געמאכט א קאווע, און במשך דעם גאנצן טאג האט ער גארנישט אריינגענומען אין מויל. (מ'פלעגט זאגן אז ער איז ליידער פעש פון צרות ל"ע).

ג. אין יענע צייט פלעגן אסאך בחורים האבן עקסטערע גמרות אין די כיתה, אין ביהמ"ד האט מען געלערנט אין דינע גמרות מיט ווייכע דעקלעך. און עס פלעגט זיין בחורים ווען זיי פלעגן גיין פרעגן די מגידי שיעור אין ביהמ"ד האבן זיי געהאלטן די גמרות איינגעקנייטשטערהייט. יעדעס מאל ווען רבי שמואל דוד האט געזעהן א בחור האלט די גמרא איינגעקנייטשט פלעגט ער אים אויפמערקזאם מאכן "א גמרא איז נישט קיין צייטונג"... הערשט נאכדעם וואס מ'האט געעפנט די גמרא כראוי, האט ער הערליך מסביר געווען די גמרא מיט הלל'ס געדולד און געשמאק...

ד. תלמידים הערן נישט אויף צו רעדן פון זיינע דורכדרינגליכע דרשות, ווי עס דערמאנט זיך א תלמיד ווען כ"א כסליו תשנ"ו האט ער זיך צושריגן אינמיטן א דרשה: "וויא אזוי בעטסטו **ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים?! מיט אזעלכע אויגן טראכסטו וועסטו זוכה זיין צו זעהן ציון וירושלים?! וואס האסטו געטאהן מיט די זעלבע אויגן פאר די האסט זיך געשטעלט דאווענען?!**". דער תלמיד זאגט אז די ווערטער באגלייטן אים עד היום באלד 30 יאר שפעטער...

ה. עס דערציילט א תלמיד: ווי יעדער ווייסט איז ער געווען א שטארקע בעל יסורים בגופו, ער האט זיך געפלאגט און געפלאגט אן א אויפהער. איך וויל נאר ארויסברענגן צוויי זאכן וויאזוי ער פלעגט אויסניצען די שוועריקייטן לטובה.

איינס, אונזער ישיבה איז געווען אינעם בנין ביהמ"ד תהילות יואל 128 ראטלידזש סט. דאס ביהמ"ד איז געווען אויפן אונטערשטן שטאק, און די כיתות זענען געווען אויפן העכסטן שטאק. אזוי ווי ער פלעגט זייער שווער גיין טרעפ, ער האט כסדר געליטן אויף א רויז ל"ע, האט אונזער כיתה געהאט א מנין שחרית אויבן אויפן שטאק, כדי ער זאל נישט דארפן אראפגיין קיין טרעפ. אויסער בימי 'שני וחמישי' האט מען דאך נישט געהאט קיין ספר תורה, ממילא פלעגן מיר יא אראפגיין דאווענען אונטן אין בית המדרש.

איינמאל האב איך געזען ווי ער גייט אראפ זייער פאמעליך די טרעפ, איך האב געשפירט אז ער איז עפעס נישט מסודר. איך האב דאך נישט געוואלט אראפלויפן די טרעפ פארנט פון אים עס זאל אים נישט וויי טון, ממילא בין איך געגאנגען גאר גאר שטאט און שטיל אונטער אים, כדי ער זאל מיר נישט באמערקן.

אינמיטן דרייט ער זיך אויס "אה... דו ביסט דא?! קום אהער, זאג, די תוספות פון דף ד' אין פסחים קענסטו?!" האב איך געענטפערט "ניין!", איז ער מיט מיר אינאיינעם איבערגעגאנגען די תוס'. נאכן ענדיגן זאגן תוספות איז ער אראפ געגאנגען נאך איין טרעפ, און ער האט אנגעהויבן די נעקסטע תוספות, דערנאך האט ער מיר 'באפרייט'.

שפעטער ווען ער איז אנגעקומען אונטן, האט ער מיך געטראפן זיך וואשן די הענט נאכן תפילין לייגן. רופט ער מיר צו און ער זאגט מיר: "אין די יעצטיגע 'חזרה' האבן מיר 39 תוספות, אבער 'טרעפ' איז געווען נאר 38, במילא די לעצטע תוספות בין איך נאך נישט איבערגעגאנגען, ממילא קום צו מיר ביים צוזאמען לייגן די תפילין, דו ביסט דאך היינט מיין תוספות חברותא..." אזוי האט ער אויסגענוצט די שווערע טרעפ וואס ער פלעגט גיין צו איבער'חזר'ן די תוספות'ער אין 'אור לארבעה עשר'.

ו. נאך א נקודה, בצדקתו הטהורה פלעגט ער יעדן מאכן שמייכלען איבער זיין מצב. למשל, ווען עס האט אמאל זייער שטארק געשנייט האט ער געזאגט ביים שיעור "היינט בלייב איך דא שלאפן, ווייל איך האב מורא צו גיין אויף די שניי, איך וויל מיר נישט אויסגליטשן, די קאר סערוויס פארן דאך נישט היינט, און אויף די 'טראלי' פיט איך דאך נישט אדורך די טיר..."

אזוי אויך איז געווען אמאל ווען עטליכע בחורים האבן ליצנות געמאכט פון א 'שטעל פארטרעטער', און מ'האט אים גערופן מיט א שפעט-נאמען, ווען רבי שמואל דוד האט געהערט דערפון האט ער אונז געהאלטן א לענגערע מוסר שמועס, מיט פיל ליבשאפט מסביר געווען וואס מיינט א ת"ח, ווי אזוי מ'דארף געבן כבוד פאר א מגי"ש, און דער חומר הענין פון מצער זיין א איד וכו', בין הדברים געט ער א זאג "אויב וויל מען פון איינעם חוזק מאכן, קען מען דאך חוזק מאכן פון מיר, עס איז דאך קע"ה דא 'אזוי סאך' פון וואס חוזק צו מאכן.... (המשך בגליון הבעל"ט)

ז' שצט) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

<u>דער שושן פורים טיש ביים רבי'ן ז"ל</u> (המשך)

דער שושן פורים איז פארגעקומען אין גרויסן בית המדרש (נעפ מענשאן), עס האבן זיך דארט באטייליגט א ריזיגער ציבור מיט אסאך רבנים, דער סדר פונעם שושן פורים טיש, איז געווען:

צום ערשט האט אויפגעטרעטן דער פורים רב **הרה"ח רבי נתנאל פארקאש ע"ה**, ער האט אלץ ארום גערעדט פלפולים און תורות אויף די מגילה, און האט געזאגט פרייליכע פשטים. (איין יאר האט ער ארויפגעברענגט אויפן טיש א זעקל, און ארויסגענומען שטיקער און צוזאמען געשטעלט א גרויסן בוים מיט 11 'דאמיס' פון מענטש'לעך און מפלפל געווען ווי אזוי מ'האט געהאנגען המן מיט זיינע 'עשרת בני המן', וויפיל פלאץ ס'האט געדארפט זיין צווישן איינעם און צווייטן, און האט מברר געווען אז מ'האט זיי געהאנגען אויף די ברייט נישט אויף די לענג, און האט אלעס געוויזן לעבעדיג).

ב. נאך אים איז אלץ ארויפגעקומען נאך איינער משמח זיין, עטליכע יארן איז ארויפגעקומען הרב החסיד **בנש"ק ר' ברוך אברהם האלבערשטאם ז"ל**, ער איז געווען א גרויסער יחסן א צאנזער אייניקל, ער האט שטארק משמח געווען דעם רבי'ן.

כ'וועל איבערזאגן עטליכע מילי דבדיחותא וואס קומט מיר אויפן זכרון.

איין יאר האט ער ארום גערעדט אז ער האט געהאט א 'פיש געשעפט', און ער האט דארטן אלע רבי"ס, ווייל צדיקים ווערן דאך מגולגל אין פיש, און האט מאריך געווען ווי אזוי ער באהאנדלט די אלע סארט רבי"ס און ווי אזוי ער זעהט וועלכע פיש ס'אז וועלכער רבי, און פאר וועמען ער שיקט וועלכע סארט פיש א.ד.ג.

ער האט בתוך הדברים דערציילט אז העכער זיין דירה איז דא א 'קווארטיר' (דארמיטארי) פון בחורים, און זיי האבן אים גורם געווען עטליכע ברכות לבטלה, איינמאל האט ער געהערט אינמיטן די נאכט ווי עס דונערט, האט ער שנעל געמאכט א ברכה 'שכוחו וגבורתו מלא עולם' דערוויל איז עס נישט געווען פון אינדרויסן נאר פון די בחורים, איינמאל האט ער געזעהן בליצן האט ער שנעל געזאגט די ברכה 'עושה מעשה בראשית' דערוויל איז עס געווען די בחורים וועלכע האבן זיך געשפילט מיט די עלעקטעריק.

ג. איינמאל איז ארויף אויפן טיש **הרה"ח ר' אהרן קרויס ע"ה דער צונאנדער שוחט**, ער האט קודם געזאגט 'דברי בדחנות', דערנאך האט ער זיך אויסגעדרייט און אויסגעשריגן "ווער וויל ארויפקומען משמח זיין דעם רבי'ן? דעמאלט איז ארויפגעשפרונגען אויפן טיש הרה"ח ר' מרדכי'לע ווייס ע"ה (אפשר האבן זיי געהאט אפגעשמועסט) ר' אהרן האט אים געזאגט "זאלסט נאכמאכן אלעס וואס איך טוה". ער האט דאן ארויסגענומען פון זיין טאש צוויי אייניגע קאפלעך, איינס האט ער געהאלטן פאר זיך און איינס געגעבן פאר ר' מרדכי'לע, אבער מ'האט נישט געזעהן אז די צווייטע איז געווען אנגעפולט מיט א שווארצע פארב, שטויב אדער טינט, ר' אהרן האט געטאנצן און געווישט דעם פנים מיטן קאפל אויף פארשידענע אופנים, און ר' מרדכי'לע האט אים אלעס נאכגעמאכט, און די שווארצקייט האט אנגעהויבן רינען, און זיין פנים איז געווארן אינגאנצן פארשמירט, ס'איז געווען ששון ושמחה אין ביהמ"ד. דערנאך האבן ביידע געטאנצן ארויף און אראפ פאר רבי'ן, דער רבי האט שטארק געשמייכלט.

ד. נאך אים פלעגן די קינדער געמאכט א פארשטעלונג. מיין טאטע הרה"ח ר' ישראל בער ז"ל האט - אנגעהויבן פון תשט"ז בערך - צוזאמענגעשטעלט א שיינעם 'שפיל' פארן רבי'נס טיש אום שושן פורים, לשמח את לבו הטהור, דארט איז געווען פול מיט ליצנותא דעבודה זרה פון די ציוני'סטישע מדינה כנהוג, און וויבאלד מיר האבן דעמאלט געוואוינט אין די 'גרינפאוינט' געגענט נעבן וויליאמסבורג אויף מאנהעטן עוו. און געדאוונט ביים **ריסקעווער רב זלה"ה**, האט מיין טאטע געבעטן פון זיינע שכנים די מתפללים אין ריסקעווער ביהמ"ד אז זייערע קינדער זאלן אנטייל נעמען אינעם שפיל.

טאקע דער ערשטער האט דער ריסקעווער רב אליין געשפירט א זכיה אז זיין קינד **הגאון הצדיק רבי אלי' כ"ץ זצ"ל**, וועלכער איז שפעטער געווארן אבדק"ק קרית יואל בני ברק, זאל אויך אנטייל נעמען, איך אליינס האב אויך געהאט די זכיה דריי יאר (אין עלטער פון 8 ביז 10 יאר) צו זיין איינער פון די שפילער אויפן טיש מהנה צו זיין דעם רבי'ן, צוזאמען מיט מו"ה **משה אברהם דעססער** **ני"ו**, און להבחל"ח און מוה"ר **משה שמואל פארקאש** ע"ה.

איין יאר ליגט מיר אין זכרון דער שפיל, איינער איז געווען פארשטעלט ווי דער ראש הממשלה בן גוריון ימ"ש, מיט גרויסן טשופ פון די צוויי זייטן און אינמיטן אן אויסגעפליקטער הוילער קאפ א.א.וו., איינער ווי דער רוסישער פרעזידענט 'כרוסטשוב' מיט זיין אויסערן מיניסטער 'שוקאב', און איין יונגל איז געווען דער ספרד'ישער רב הראשי פון די מדינה הרב טולידאנוי, און מ'האט זיך דארט אויסגע'טענה'ט מיט גאר א געשמאקע ליצנותא דעבודה זרה, פון וואס דער רבי האט גאר שטארק הנאה געהאט. [אין די שפעטערע יארן האט נאך מיין טאטע עס צוזאמען געשטעלט און געגעבן פאר יבלח"ט מו"ה שלמה הערש שטויבער ני"ו פון אנטווערפן]. דאס צווייטע יאר (לכאורה תשי"ז) האט דער רבי געפרעגט אנהייב טיש, אויב די קינדער וועלכע האבן געשפילט פאריגעס יאר וועלן קומען היי-יאר אויך, האט מען געזעהן ווי שטארק דער רבי האט הנאה געהאט דערפון. (המשך הזכרונות יבואו אי"ה בגליון הבעל"ט)

ז' ת) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל הי"ו** גזבר דקהלתינו הק'

<u>חסד עפענט אלע טויערן</u>

**הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק** ז"ל האט דערציילט אז ביי הרה"ק דער **שיניאווער רב** ז"ל האט קיים שום 'אנטיק' נישט געשפילט קיין ראלע, און ער האט זיך ווייניג פאראינטערסירט דערין, אפילו ווען מען האט אים געברענגט חפצים פון צדיקים האט ער זיך נישט צופיל מתייחס געווען דערצו.

איז געווען אמאל ווען מען האט אים געוויזן א גמרא אין וועלכן עס האט געלערנט דער הייליגער רבי ר' אלימלך, האט ער באצאלט א גרויסן סכום אז ער זאל קענען האבן די גמרא.

עס איז געווען א גרויסע וואונדער ביי די מקורבים, וואס האבן זיך געוואונדערט פארוואס איז דער רבי געווארן פלוצלונג אזוי אנגעווארימט צו קויפן אלטע חפצים.

האט דער שיניאווער רב געזאגט אז הרה"ק **רבי אלעזר מליזענסק זלה"ה** שרייבט בשם דעם טאטן "אז ער וואונדערט זיך ווער עס לערנט גמרא זעהט נישט לעבעדיג די תנאים ואמוראים".

"ממילא, אויב איז נאך דא א גמרא אין וועלכן רבי אלימלך האט געלערנט, און ער האט דא געזעהן די תנאים ואמוראים וואס האבן זיך באוויזן פאר אים בשעת ווען ער האט געלערנט, אזא גמרא איז מיר די גרעסטע זכי' אז איך זאל דאס האבן"...